**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/19/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס שווערע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך, טוט גאווערנאר האקול מוטיגן ניו יארקער צוצוגרייטן זייערע הויזגעזונדן**

***שווערע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך לויפט ביז אפריל 25***

***468,000 ניו יארקער טרענירט דורך בירגער צוגעגרייטקייט קארפס גרופעס זייט 2014***

***טרעפט א ניו יארק סטעיט בירגער צוגעגרייטקייט קארפס טרענירונג נאנט צו אייך [דא]()***

***שרייבט אייך אויף פאר וועטער און עמערדשענסי אלערטס דורך טעקסטן 333111***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט ארויסגעהויבן די אנפאנג פון ערנסטע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך (Severe Weather Awareness Week) אין ניו יארק סטעיט דורך מוטיגן ניו יארקער צו נעמען שריט צו צוגרייטן זיך און זייערע הויזגעזונדן פאר שווערע וועטער. איינער פון די בעסטע וועגן זיך צו האלטן צוגעגרייט איז דורך נעמען א ניו יארק סטעיט בירגער צוגעגרייטקייט קארפס (Citizens Preparedness Corps) קאורס צו לערנען פון עמערדשענסי מענעדשמענט מומחים איבער די שריט וואס מענטשן און פאמיליעס זאלן נעמען זיך צו האלטן פארזיכערט דורכאויס ערנסטע וועטער. ניו יארקער קענען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען וועטער און עמערדשענסי אלערטס דורך טעקסטן זייער קאונטי אדער באראו צו 333111.

"בשעת וואס מיר צייכענען אפ ערנסטע וועטער אויפמערקזאמקייט וואך, טו איך מוטיגן יעדער ניו יארקער צו נעמען שריט פון פאראויס צו באשיצן זיך און זייערע הויזגעזונדן איידער א דיזעסטער קומט אן," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "צוגעגרייטקייט איז אונזער בעסטע פארטיידיגונג. צי עס איז זיך איפשרייבן פאר עמערדשענסי אלערטס דורך טעקסטן אייער קאונטי אדער באראו צו 333111, אדער אנטיילנעמען אין א בירגער צוגעגרייטקייט קארפס קאורס צו לערנען דירעקט פון מומחים, קען נעמען די פשוט'ע שריט יעצט אויסמאכן א גרויסע חילוק אין האלטן אייער פאמיליע פארזיכערט ווען עס באטרעפט שווערע וועטער."

די ניו יארק סטעיט בירגער צוגעגרייטקייט קארפס, אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון די היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services) און די ניו יארק נעשענעל גארד (National Guard), איז געגרינדעט געווארן אין 2014 צו טרענירן פשוט'ע ניו יארקער איבער וויאזוי זיך צוצוגרייטן פאר עמערדשענסיס און דיזעסטערס, גלייך קענען רעאגירן און זיך ערהוילן די שנעלסטע וואס מעגליך פאר אומשטענדן איידער א דיזעסטער. זייט די גרינדונג פונעם פראגראם, זענען 468,000 ניו יארקער טרענירט געווארן דורך די גרופעס.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס עקטינג קאמישענער Terry O'Leary (טערי או'לירי) האט געזאגט,** "דורכאויס א שווערע וועטער עמערדשענסי, טוט יעדער סעקונדע אויסמאכן. איר קענט זיך נישט גרייטן פאר אן עמערדשענסי בשעת די עמערדשענסי, וואס מאכן פלאנירן פון פאראויס די שליסל צו האלטן זיך און אייערע באליבטע פארזיכערט. האט א פלאן, שטעלט צאם א קיט און שרייבט אייך אויף פאר עמערדשענסי אלערטס צו בלייבן אינפארמירט איבער וואס עס קען אייך באטרעפן."

דורכאויס א בירגער צוגעגרייטקייט קארפס טרענירונג, טוען באטייליגטע זיך לערנען איבער די פיר שריט וואס זיי דארפן וויסן און פארענדיגן איידער עס באטרעפט א דיזעסטער:

- **אנטווילקען א פלאן** פאר אייך און אייערע פאמיליע אינדערהיים, אין שולע, ביים ארבעט און אינדרויסן. אידענטיפיצירן א פארזיכערטע פלאץ וואו צו זוכן שוץ און וויסן וועלכע שריט צו נעמען ווען א ווארענונג ווערט ארויסגעגעבן. אין באטראכט נעמען שטוב-באשעפענישן ביים פלאנירן פאר אן מערדשענסי.
- **בויען א קיט** פון עמערדשענסי סופלייס וואס וועט זיך האלטן פאר וויינעגסטנס 10 טעג. שטעלט אריין פלעשלייטס, וועטער ראדיאו, און איבעריגע באטעריעס. איר זאלט האבן א באזונדערע קיט פאר אייער היים און אייער וויהיקעל. פלאנירט פאר סיי וועלכע מעדיצינישע געברויכן וואס אייער פאמיליע קען האבן. האלט עמערדשענסי סופלייס פאר שטוב-באשעפענישן.
- **הערט אויס** TV און ראדיאו סטאנציעס וועלכע געבן ארויס עמערדשענסי אלערט סיסטעם (Emergency Alert System, EAS) מעסעדשעס און פאלגט אויס לאקאלע עמערדשענסי באפעהלן ווען זיי ווערן ארויסגעגעבן. באקומט עמערדשענסי אינפארמאציע דירעקט צו אייער סעלפאון דורך טעקסטען אייער קאונטי אדער באראו צו 333111.
- **באזוכט אייער לאקאלע עמערדשענסי מענעדשמענט אפיס** אויסצוגעפונען מער איבער וויאזוי צו באשיצן אייך און אייערע פאמיליע. קלערט פון וואלאנטירן מיט ארגעניזאציעס ווי די אמעריקאנע רויטע קרייץ (American Red Cross), ניו יארק קעירס (New York Cares) אדער די סעלוועישען ארמיי (Salvation Army).

מער שווערע וועטער זיכערהייט עצות זענען צו באקומען אויף [די DHSES וועבזייטל](https://dhses.ny.gov).

**<u>איבער די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדשענסי סערוויסעס</u>**
די [דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס](https://dhses.ny.gov) גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון — טערעריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די [DHSES פעיסבוק פעידזש](https://facebook.com), פאלגט נאך [@NYSDHSES אויף X](https://x.com), אדער באזוכט [dhses.ny.gov](https://dhses.ny.gov).

באקומט לעבעדיגע עמערדשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאן. טעקסט אייער קאונטי אדער באראו וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף [dhses.ny.gov/emergency-alerts](https://dhses.ny.gov/emergency-alerts).

###

זיך ארויסשרייבן